שנה ג'
נומער קי"ב
**פרשת משפטים**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## סעודת הילולא פון מוהרא"ש זי"ע אין היכל הקודש וויליאמסבורג

**בילדער אפטיילונג:**
**געפראוועט סעודה הילולא פון מוהרא"ש ארום די גאנצע וועלט**

**א מעשה פון א צדיק:**
**די גאנצע וואלד איז פארוואנדעלט געווארן פאר א גן עדן**

**א שיחה פון דער ראש ישיבה:**
**ווער נאך איז מיט דיר?**



**די קינדער פון תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי ביים זיך שפילן פרייליך אין די שניי**

# קרית ברסלב

רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו צו די רעדאקציע

### הגהות פונעם רעדאקציע

צוויי וויכטיגע זאכן וואס מיר ווילן מעלדן דעם עולם.

1) אויב האט איר אמאל געוואונען ביי די חידות אפטיילונג, און איר האט נאכנישט באקומען אייער מתנה, ביטע רופט אריין צו די רעדאקציע מיט אייער נאמען און היים אדרעס, און מיר וועלן מיטן אייבערשטנ'ס הילף אפשיקן די מתנה צו אייער שטוב.

2) זייער אסאך קינדער לאזן איבער די תירוץ, אבער זיי זאגן נישט זייער נאמען ווער עס האט אריינגערופן, במילא קען מען נישט אריינלייגן דעם נאמען אינעם גורל.

ביטע ווען איר לאזט אריין די ענטפער פון די חידות, לאזט איבער אייער נאמען, כדי אייך צו קענען אריינלייגן אינעם גורל.

א גרויסן שכח פאר אלע וואס רופן אריין, און לאזן איבער דאנק ווערטער, דאס העלפט גאר אסאך ווען מען הערט צוריק גוטע גריסן אז די בלעטל האט זיי אויפגעלעבט און זיי געמאכט רעדן צום אייבערשטן, לערנען תורה, פארבעסערט זייער שלום בית וכדומה.

אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע וואס לאזן איבער גוטע הגהות, וויאזוי מען קען בעסער מאכן דעם בלעטל, עס העלפט זייער אסאך פאר די הצלחה אויף ווייטער.

רעדאקציע

## זמנים Liberty

פרשת משפטים כ"ז שבט תשפ"ב

הדלקת הנרות..........04:51
מוצאי שבת ............06:22
מנחה מעריב תרומה. 06:05

שבת מברכים אדר א' - ראש חודש יהי' ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי
מולד: דינסטאג נאכמיטאג 7 מינוט און 16 חלקים נאך 3





KB PLUMBING
Done faster. Done right. (347) 831-6209

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# ווייכטיגע מעלדונג

### אין די יעצטיגע טעג קומט פאר א

# רעגיסטראציע דרייוו

וואס איז באשטימט געווארן דורך די הנהלת הקריה, מיט'ן ציל אז יעדער תושב אין "קרית ברסלב" זאל זיין רעגיסטרירט צו קענען שטימען ביי די שטאטישע און לאקאלע וואלן

### די הנהלה האט אויפגענומען

# מוה"ר ר' דוד לאקס נ"י

### וואס וועט ארויסהעלפן דעם ציבור מיט'ן זיך רעגיסטרירן.

עס איז ווייכטיג אז אלע חשובע איינוואוינער זאלן זיך אנשטרענגן און אויספילן די רעגעסטראציע פארמס ווי אמשנעלסטן, און מיט דעם וועלן מיר בעזרת ה' זיין גרייט מיט א כח הרבים צו שטימען פאר די באאמטע וואס זענען לטובת קריתינו.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

# שטעטל נייעס

## לעצטע נייעס פונעם מצה בעקריי



אין שטעטל גרייט מען זיך שוין אט אט צו עפענעם דעם זעלטענעם מהודר'דיגן מצה בעקריי, וואס וועט זיין אהערגעשטעלט מיט אלע הידורים, די ארבעטערס וועלן זיין אנשי שלומינו, וואס בעטן יעדן זאך דעם אייבערשטן, און וועלן דא אויך ארייגלייגן זייערע תפילות אז די מצות זאל גוט געלונגען, סיי אין כשרות און סיי אין טעם.

עס איז באשטעלט געווארן גאר א טייערע אויווען ביי א קאמפאני וואס מאכט שוין די סארט אויוועגעס פאר די לעצטע 35 יאר, און דורך זיי איז געווארן אהערגעשטעלט די גרויסע אויוועגעס פון אסאך גרויסע מצה בעקרייען אין אמעריקא.

מען האט געלאזט בויען א גרויסע סייז אויוועגען וואס קען אפבאקן 15 מצות אויפאמאל, עס איז געווארן אויסגעארבעט מיט אלע חומרות און הידורים, און די זעלבע צייט אויך מיט אלע באקוועמליכקייטן וואס פעלט זיך נאר אויס, אויך האט מען געבויעט א שטארקע אייזערנע פרעים ארום דעם אויוועגן צו קענען האלטן דעם שווערן אויוועגן.

מען האט שוין געפארטיגט די פלאר און די ווענט אינעם בנין, יעצט האלט מען אינמיטן מאכן די דאך פונעם בנין, וואס וועט זיין פערטיג אין די קומענדיגע טעג. מען האט שוין באשטעלט אלע צוגעהערן פארן בעקריי, ווי למשל וועלגער העלצער, טישן, שיסלעך, מהידור'דיגע מעל - שמירה משעת קצירה, אויך האט מען אריינגעצויגן א וואסער ליין, צו קענען האבן גענוג וואסער וויפל עס פעלט זיך אויס, אויך מען האט געבויעט אן קענסטערן שטוב צו קענען פאקן די מצות.

מען האפט צו אנהייבן באקן מצות קומענדיגן פורים קטן, מיטן אייבערשטענ'ס הילף האפט מען עס זאל זיין גענוג מצות פאר אלע אנשי שלומינו, אין א באזינדערע מעלדונג וועט מען מעלדן וועגן אלע דעטאלן פון זיך איינשרייבן צו ארבעטן אינעם מצה בעקריי.

## אפדעיטס פון בית החיים אין שטעטל



ווי אלע ווייסן רעדט דער ראש ישיבה שטענדיג פון לעבן מיט תכלית, אז מען בלייבט נישט אייביג דא אויף דעם וועלט, פאר דעם צוועק דארף מען זיין גרייט מיט א בית החיים ווען מען דארף דאס ניצן.

די חברי הנהלה האבן ספעציעל אראפגערופן א גרויסע מומחה אין די ענינים ר' חיים שלמה וויינשטאק הי"ו א לאנגיעריגע מיטגליד פאר די לעצטע 50 יאר אינעם סאטמארער חברה קדישא, און איז זייער באהאווענט אין אלע אנגעלעגענהייטן בנוגע א בית החיים, ער האט שוין געהאלפן אויפשטעלן אסאך בתי חיים אין אלע געגענטער, ער האט געהאט די זכיה צו עפענען דעם בית החיים נאך ביים סאטמארער רבי זי"ע אין יאר תשל"ט אין שטאט קרית יואל.

מען האט זיך געטראפן מיט אים אין שטעטל, און אנגעהויבן איבערגיין די שטחים וואס די קהלה האט, צו זעהן וועלכע עס איז די בעסטע פאסיג פאר א בית החיים, ער האט גענומען סעמפלעס פון די ערד, און איז דורך געגאנגען צו זעהן וואס איז די בעסטע אינעם פראקטישן חלק און אזוי אויך עס זאל נישט זיין קיין גרויסע קאסטן און עס זאל קענען זיין לעגאל, ביים סוף האט מען גענומען ספעציעלע הוראות פון ר' חיים שלמה נ"י אלץ וואס איז נוגע א בית החיים, און ער האט געזאגט אז ער וועט קומען העלפן ווען עס פעלט זיך אויס. עס איז ארויסגעקומען ביים סוף אז צוויי שטחים זענען זייער גוט פאר דעם געברויך. מען האט איבערגעגעבן פארן ראש ישיבה ער זאל זאגן וועלכע שטח פון די צוויי מען זאל ניצן פארן בית החיים, און דער ראש ישיבה האט אויסגעוועלט דעם גרויסן שטח אויף רעדקליף ביים אריינגאנג פון שטעטל.

אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען אויס די לעגאלע חלק, מען זיצט מיט אינדשענירינג, מען שלאפט נישט קיין איין טאג, מען ארבעט יעדן טאג דאס צו קענען פארוויקליכן אויף למעשה.

היכל הקודש

# נייעס

ירושלים

## היכל הקודש בראכפעלד - מודיעין עלית



ארץ ישראל שלאפט נישט, עס ווערן מקורב יעדן טאג פרישע מקורבים, דער פון א חיזוק יומי קארטל וואס ער האט באקומען פון א מפיץ, א צווייטער פון א קונטרס, און דער פון א גליון און אזוי ווייטער.

אויך אין בראכפעלד - מודיעין עלית איז אין די לעצטע שטיק צייט מקורב געווארן פרישע מקורבים, צוביסלעך איז עס געווארן מער און מער, ביז עס האט זיך צאמגעקליבן א שיינע קיבוץ בחורים און אינגעלייט, און מען האט אוועקגעשטעלט איינמאל א וואך וואס מען וועט זיך צאמקומען און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון הייליג'ן רבי'ן, אויף די וועג וויאזוי דער ראש ישיבה חזר'ט עס מיט אונז.

אזוי גייט עס שוין אן א שטיק צייט וואס די בחורים קומען זיך צאם יעדע מיטוואך נאכט, קודם זינגט מען צוזאמען די אידישע ניגונים וואס איז נתחבר געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, דערנאך הערט מען פון יעדן שיינע מעשיות פון תפילה און הפצה.

אזוי אויך קומען זיך צאם די אינגעלייט יעדע צווייטע וואך זונטאג נאכט, מען זינגט צוזאמען און מען שמועסט זיך אדורך וואס מיר באקומען דא אין היכל הקודש, און וויאזוי מען קען ווייטער אנגיין מיט די אלע הייליגע עצות וואס מיר באקומען. דערנאך הערט מען א שיעור פונעם ראש ישיבה וואס ווערט געגעבן פאר די אינגעלייט יעדן ליל ששי אין ישיבה.

אזוי אויך קומען זיך צאם אלע אינגעלייט און בחורים יעדן שבת, ביז דערוויילע נאר ביי שלש סעודות, מען האפט מיט די צייט צו עפענען פאר אלע תפילות שבת קודש.

די חשובע פרויען קומען זיך צאם יעדע צווייטע וואך, וואו מען איז זיך מחזק אינאיינעם צו טוהן די רצון פון הייליג'ן רבי'ן און זיינע תלמידים, בפרט מיט די הדרכות אין שלום בית וואס דאס איז געווען ביים רבי'ן א יסוד היסודות, דערנאך הערט מען א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א געגעבן געווארן ספעציעל פאר די חשובע פרויען.

פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת יתרו איז מען זיך צאמגעקומען צו פראווענען די סעודת הילולא פון אונזער הייליגער רבי מוהרא"ש זי"ע, און חזר'ן די זיסע עצות וואס ער האט איבערגעלאזט בירושה פאר אלע תלמידים צוגלייך, בפרט מיט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, וואס דאס איז א עצה פאר אלע פראבלעמען וואס מען האט נאר אין לעבן.

מען האט געהערט שיינע דיבורים פון ר' אברהם משה ברדוגו הי"ו משמש בקודש ביי מוהרא"ש זי"ע, וואס האט פארציילט גאר שיינע מעשיות וואס ער האט מיטגעהאלטן ביי מוהרא"ש, וויאזוי יעדער איינער וואס איז נאר געקומען צו מוהרא"ש האט אנגעהויבן לעבן א נייע סארט לעבן, א לעבן פון אמונה, א לעבן פון תורה ויראת שמים, א ערליכע לעבן אין שטוב און אזוי ווייטער, דאס איז געווען די שטרעבן פון מוהרא"ש אלע יארן, וויאזוי מען קען צוריקברענגען נאך א איד צום אייבערשטן.

דערנאך האט ר' שלמה ווייס הי"ו מסיים געווען ברבים ששה סדרי משנה, נאכדעם האט מען געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה געגעבן געווארן פאראיאר ביים סעודת הילולא - פון וואס דער עולם איז ארויס מלא חיזוק. נאכ'ן סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש זי"ע, וואו מען האט זיכער געפועל'ט אלע ישועות ורפואות פאר זיך און פאר יעדן איינעם.

אמעריקע

## שבת התוועדות - ביליגע פרייז

דער געהויבענער שבת התוועדות - שבת סיום סדר מועד על סדר הש"ס - פרשת ויקרא ווערט שוין נענטער און נענטער. מען גרייט זיך מיט שפאנונג צום געהויבענעם שבת וואס וועט בעזהשי"ת אפגעהאלטן ווערן ברוב פאר והדר אינעם פראכטפולן "קראון פלאזא" האטעל.

יעצט ווען מען איז שוין בלויז 8 וואכן אוועק ווערט געמאלדן אז די חשובע ליינער פונעם קרית ברסלב בלעטל וועלן נאך קענען ארייננכאפן צו האבן די ספעציעלע ביליגע פרייז פון 985$ א קאפל ביזן קומענדיגן זונטאג תרומה, דערנאך גייט ארויף די פרייז מיט הונדערט דאלער. צו באשטעלן צימערן ביים געהויבענעם שבת קען מען רופן 347-415-2888

איבערצוגעבן דאס געלט קען מען ביי:
קרית יואל/מאנסי: מו"ה אלי קנאל הי"ו
וויליאמסבורג/בארא פארק: מו"ה ליפא שווארץ הי"ו
קרית ברסלב: מו"ה ארי פיש הי"ו



# "מעשיות פון תפילה"

שכח אייבערשטער פאר די גרויסע מעשה פון תפילה.

## יוסף ברילל - וויליאמסבורג:

מיין פיר יעריג אינגל לערנט אין א געוויסע מוסד דא אין שטאט. ער האט ברוך השם אנגעהויבן לערנען די אלף בית, ער האט מיט געהאלטן גוט און געקענט א מחי', ביז ס'איז געקומען צו די אות ה', דא האט ער עפעס נישט געכאפט די אותיות, וויפיל מען האט פרובירט איז עס נישט געגאנגען.

מען האט מיר גערופן פון די מוסד אז ווי ס'קוקט אויס האט מיין זון שוועריגקייטן מיט די אויגן וואס דאס פארשווערט אים צו אויפכאפן די אלף בית, און זיי האלטן אז מ'דארף גיין מיט'ן קינד צו א געוויסער אויגן ספעציאליסט וואס ער איז דער גרעסטער אין דעם פעלד, און ער וועט זאגן צו מען דארף אנהייבן אויגן טעראפי' אדער אפשר ברילן אז מיין זון זאל אויפכאפן גוט די אותיות. מיר איז נישט גוט געווארן.

איך האב בכלל נישט געהאט קיין חשק מיין זון זאל יעצט ווערן א קעיס אדער דארפן אנטון גלעזער אין אזא יונגן עלטער, האב איך זיך גענומען מיט א שטארקייט צו די איינציגסטע עצה וואס א איד האט וואס דאס איז 'תפילה' בעטן דעם אייבערשטן, און איז די בעסטע אוןווירקזאמסטע טעראפי' וואס איז נאר דא אויף דער וועלט און דאס ארבעט ווינדערליך אן דארפן ארומלויפן פון איין טעראפיסט צום צווייטן און נישט זען קיין רעזולטאטן.

אזוי האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א פאר טעג זייער שטארק: "הייליגער באשעפער העלף מיין זון זאל אויפכאפן די אותיות גוט אן קיין פראבלעמען און ער זאל נישט דארפן קיין גלעזער און קיין טעראפי." נאך אפאר טעג בעטן און רייסן תפילה האב איך זיך אראפגעזעצט מיט מיין זון איבערגיין די אלף בית מיט אים, "צו איר גלייבט צו נישט, די נס איז געשען, ער האט אנגעהויבן זאגן מיט אזא קלארקייט ווי ער וואלט קיינמאל נישט געהאט קיין שוועריגקייטן" אן קיין גלעזער און אן קיין טעראפיסטן, **נאר מיט תפילה.**

## ישראל פוקס - אומאן:

איך האבן געדארפט פארן מיט מיין וויב צו די אימיגראציע אפיס כדי צו באקומען אונזערע וויזעס צו קענען לעגאל וואוינען אין אוקריינע, די וועג אונטער געוועגטליכע אומשטענדן נעמט פון מיין שטוב בערך דריי שעה, איך האב אויסגערעכנט אז איך וועל ארויספארן צופרי' נאכ'ן שיקן די קינדער אין חדר בערך ניין אזייגער, און איך האב שוין געוואלט זיין צוריק אויף צוויי אזייגער ווען זיי קומען אהיים, אבער מיין וויב האט מיר געזאגט אז ס'קען נישט זיין אז מ'וועט שוין זיין צוריק, געוועגטליך ווען מענטשן פארן ארויס צופרי' קומט מען ערשט צוריק ביינאכט, אבער איך האב איר געזאגט אז מיר ווייסן פון 'תפילה' מ'קען בעטן דעם אייבערשטן אפילו זאכן וואס שטימען נישט.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און די גאנצע וועג האבן מיר זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די אפיס זאל זיין ליידיג פון מענטשן אז מיר זאלן נישט דארפןווארטן אין די רייע וואס דאס אליין קען נעמען א לאנגע צייט, און מיר זאלן שוין זיין צוריק אויף צוויי אזייגער, אויך האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז די ארבעטערס זאלן זיך אויפפירן שיין צו אונז און אונז ווערן העלפן.

מיר זענען אנגעקומען צום אפיס, און שכח אייבערשטער אז ס'איז טאקע נישט געווען קיין סאך מענטשן און ס'איז געווען געגוג ארבעטערס אונז צו העלפן און די ארבעטערס זענען געווען זייער איבערגעגעבן, נאר בזכות די אלע תפילות וואס מיר האבן געמאכט די גאנצע צייט. אויך בשעת'ן דארט זיין האבן מיר ווייטער געבעטן אז מיר זאלן זיין צוריק אינדערהיים אין צייט פאר די קינדער, שכח הייליגער באשעפער! ס'האט נישט געשטימט אויפן זייגער מיר זאלן זיין צוריק אין צייט אבער מיט די תפילות וואס מיר האבן געבעטן האט עס גאר שיין געשטימט.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר

וִויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר נָאר דֶערְצֵיילְן וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז מִיר זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין גַאס, אַלֶע מַיינֶע אַלְטֶע חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה וְכוּ' - אַלֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר וְכוּ'. וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער? אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה"**; יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג אִיז אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר צוּגֶעקוּמֶען מִיר זָאגְן אַז עֶר מַאכְט אַ סִיּוּם.

הַיינְט, וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין צֶען יָאר זַייט דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט, אִיז שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט וִויפִיל תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער אוּן זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין וְכוּ'. **יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער אַ סִיּוּם פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן טְרַאכְט אִיךְ אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי הָארֶעוַואנְיֶע וְכוּ'.**

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער... **אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דִיר אַ סִיּוּם**; אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה. אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם "דַף גְמָרָא".

**דֶער דַף גְמָרָא שִׁיעוּר אִיז בַּיי מִיר מַיין חָשׁוּבְ'סְטֶער שִׁיעוּר**; וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג פָארְלֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא שִׁיעוּר אִינְדֶערְפְרִי שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען מַיין טָאג מִיט דֶעם. מֶען שְׁפִּירְט וִוי אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ נָאכְן לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) וֶועסְטוּ אוֹיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין בֵּית מֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין מָאנְסִי, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת אוּן צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן בִּפְרַט פוּנֶעם **"סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד"**; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן וִוי אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב - אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי צוּ לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דוּ לֶערְנְסְט אוּן וָואס דוּ לֶערְנְסְט; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם: **"בְּקַשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"**, זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - **נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.**

**אַ גוּטְן טָאג.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### א שטארקע אמונה

אין א שמועס וועגן אמונה האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: אן אלטע אידענע איז אמאל געזעסן אליינס אינדערהיים, פלוצלינג האבן זיך איינגעבראכן אין איר הויז באוואפנטע רויבער, זיי זענען גלייך צוגעקומען צו די אלטע פרוי און איר געפרעגט "דו ביזט דא אליינס אינדערהיים"? האט זי געזאגט: ניין. האבן זיי איר געפרעגט: "ווער נאך איז מיט דיר"? האט זי געענטפערט: "דער באשעפער". האבן זיי געפרעגט: "וואו איז ער"? האט זי געוויזן מיט די האנט אויף ארויף: "דא". עס האט זיי געכאפט א שרעק און זיי זענען אנטלאפן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די מעשה צו אריינברענגען אין אונז אמונה, א מענטש דארף לעבן מיט אייבערשטן, וויסן דער אייבערשטער איז שטענדיג דא מיט מיר, אויף אזוי וועט ער זאל זיך פון קיינעם נישט שרעקן, אפילו עס קומען רויבער און פרעגן: "דו ביזט דא אליינס"? זאל ער ענטפערן מיט א שטארקייט: "ניין, איך בין נישט אליינס, דער אייבערשטער איז מיט מיר"! דעמאלט קען אים קיינער שלעכטס טון.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט מען זאל דערציילן די מעשה פאר די קינדער אריינצוברענגען אין זיי אמונה, אבער מען דארף אכטונג געבן ווען מען דערציילט מעשיות פאר קינדער, נישט צו מאכן די מעשה גאר שרעקעדיג, מען קען מאכן די מעשה אינטערעסאנט און ציענדיג אן דעם וואס מען זאל דאס דערציילן שרעקעדיג, ווייל עס זענען דא קינדער וואס קענען אריינגיין אין פחדים דערפון.

רעדענדיג וועגן אמונה האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: ווען א קינד פרעגט פארוואס טאר מען נישט טון דאס, פאר וואס טאר מען נישט טון יענץ?; דארף מען נישט אויפקומען מיט עפעס א מורא'דיגע תירוץ, מען ענטפערט דעם קינד פשוט: ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן. "אבער פארוואס? ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן". און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: קליינע קינדער האבן זייער א שיינע ווארט וואס זיי נוצן ווען מען האלט זיי פאר; פארוואס האסטו דאס געטון? "וועגן"... אבער פארוואס? "וועגן"... דארף מען דאס ניצן אין עבודת ה', נישט האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן.




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְרן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה; הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ פַאר דִי רֶענְט פוּן יְשִׁיבָה הוּנְדֶערְט דָאלֶער; בִּזְכוּת דִי צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן (תְּהִלִּים קכח, ג): ״**אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ**״.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער לָאזְן דַיין אַרְבֶּעט וְכוּ׳; בִּיז דֶערְוַוייל בְּלַייבּ אַרְבֶּעטְן וואוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אַז דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיט וְכוּ׳ וָואס דָאס אִיז יִחוּד, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דָארְט וִוי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַ שְׂרֵפָה.

**זַיי מַמְשִׁיךְ בַּעֲבוֹדָתְךָ הַקְדוֹשָׁה מִיט הַדְפָּסָה**; ר׳ נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: ״נוּ, אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹי פִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; **נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג**״, אוּן ר׳ נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין ׳**יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה**׳; אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳״ (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן עֶשְׂרֵה בְּטֵבֵת; ר׳ נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

**דָאס דַארְפְן מִיר טוּן:** עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מִיר דַארְפְן זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳; אַז אֵיינֶער קֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אַז אֵיינֶער קֶען קוּמֶען הֶעלְפְן דְרוּקְן - זָאל עֶר קוּמֶען דְרוּקְן, אֵיינֶער קֶען גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי סְפָרִים וְכוּ׳, **יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּ לֵייגְן אַ הַאנְט** צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן**



## א מעשה פון הפצה

ישראל פוקס - אומאן:

ס'איז געווען אפאר וואכן פאר ראש השנה תשפ"ב, ווען אסאך אידן זענען שוין געקומען קיין אומאן מיט די משפחות, צוליב וואס מען האט נישט געוויסט צו מען וועט קענען קומען אויף אומאן הארט פאר ראש השנה.

איינע פון די אידן קומט צו מיר צו און זאגט מיר "שכח פאר די גליונות וואס דו פארשפרייטסט דא, דו האסט מיר געראטעוועט מיין שלום בית". פארציילט ער מיר אז ער איז שוין דא פאר צוויי וואכן מיט זיין משפחה, און די לעצטע פאר טעג הערט זיין ווייב נישט אויף צו שרייען אויף די קינדער און איז אלץ אין א שלעכטע גוסטע וואס האט אויך אויסגעקלאפט אויף די קינדער, זיי זענען געווארן איינגעלייגט און שטיל.

פארציילט ער ווייטער: שבת האט ער געטראפן א גליון אין שול און געזען דארט א בריוו פונעם ראש ישיבה וואו דער ראש ישיבה שרייבט פאר איינעם אז ווען די ווייב ווערט אנגעשטרענגט דארף זי נישט מער ווי מען זאל איר פארשטיין און אויסהערן, און ווען זי זעט אז דער מאן איז דא פאר איר ווערט זי שוין פרייליך, און ווען די ווייב איז פרייליך איז די גאנצע שטוב פרייליך.

איז דער אינגערמאן אהיים געגאנגען און געפאלגט וואס ער האט געליינט אינעם בריוו, און זיין שטוב האט זיך אינגאנצן געטוישט צום גוטן אדאנק דעם איינעם בריוו וואס ער האט געטראפן אין שול.

זעט מען דער כח פון איין בריוו ווי עס קען ראטעווען א גאנצע משפחה.

לאמיר ווייטער פארשפרייטן גליונות און דאס גלייכן, וועלן מיר מיט דעם אויפרעכטן אידישע קינדער.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## מען גרייט זיך צום ענדיגן דעם מקח פונעם בנין קרן הדפסה היכל הקודש

פתח לנו שער בעת נעילת שער! גאר פריייליכע נייעס קומט אריין פון די אפיסעס פון "קרן הדפסה היכל הקודש" אז אין געציילטע וואכן גייט מען שוין ענדיגן דעם מקח אויפן נייעם בנין, אויף וואס מען קוקט שוין אזוי שטארק ארויף פאר די לעצטע האלבע יאר, כדי צו קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז.

ביז היינט האט דאס האט אויסגעזעהן ווי א חלום, אבער ברוך השם מען האלט שוין דא, איין פראבלעם איז אבער דא, אז עס פעלט נאך אויס ארום הונדערט טויזענט דאלער, צו קענען צוגיין צום קלאוזען, יעצט האלט מען שוין ביי נעילה און מען קען נאך אין די יעצטיגע טעג האבן א חלק אין אזא הייליגע וויכטיגע בנין, וואס וועט פארגרעסערן די הפצה אויף סאך א גרעסערע פארנעם פון ביז היינט.

צו האבן א חלק אינעם בנין אין די לעצטע טעג רופט אריין 718-368-2691

## הפצה אין ארץ ישראל אויף א נייע וועג

פון ארץ ישראל הערט מען גוטע נייעס, אז מען גרייט זיך צו עפענען א הפצה ווינקל אין אלע געגענטער וואו עס געפונען זיך אנשי שלומינו.

ווער עס וועט דארפן ספרים קונטרסים, קארטלעך, סידיס און אזוי ווייטער, וועט זיך ווענדן צו די הפצה סענטער פון זיין געגענט, און מען וועט צושטעלן מיטן אייבערשטנ'ס הילף אלעס וואס דער מפיץ האט געבעטן.

ווי מען הערט פון די עסקנים גייט דאס ווערן געפירט מיט גאר א מסודר'דיגן חשבון, יעדע דאלער וואס קומט אריין און וואס גייט ארויס וועט ווערן אריינגעלייגט אין חשבון, און עס וועט זיין אינטער די השגחה פונעם ראש ישיבה, וואס וועט שטיין אינטער דעם, און זאגן פונקטליך וויאזוי עס איז די בעסטע וועג דאס זאל ווערן געפירט.

בחפץ השם בידינו יצליח

# בילדער פון קרן הדפסה


שוין אפגעדרוקט "הגדה של פסח" לכבוד פסח תשפ"ב


דער ראש ישיבה ביים צוקיקן די ארבעט פונעם בית הדפוס זומער תשפ"א


מען דרוקט ספר אשר בנחל אידיש 10 יאר צוריק - תשע"ב

אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **יצחק ליכטענשטיין**<br>וויליאמסבורג | **יואל משה מייזעלס**<br>וויליאמסבורג | **מרדכי אינדיג**<br>וויליאמסבורג |
| **אברהם חיים וויזעל**<br>קרית יואל | **יעקב פיש**<br>בארא פארק | **יעקב היילפרין**<br>סטעטן איילענד |
| **שבתי מארקוס**<br>ווילאמסבורג | **ברוך מרדכי פעקעטע**<br>מאנסי | **אברהם יושע וועבערמאן**<br>קרית ברסלב |
| **משה גאטליעב**<br>קרית יואל | **לייבי ראטה**<br>קרית ברסלב | **מנשה איצקאוויטש**<br>בארא פארק |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email:**donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**



# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר

מוֹהֲרָא"ש פַארְצֵיילְט: אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב אִיז גֶעוֶוען אַ 'בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד' אַ 'עוֹבֵד הַשֵּׁם' רֶבִּי בָּרוּךְ גָאלַאנְט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'רֶבִּי בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוּבֶער', [אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעקֶענְט זַיין זוּהְן רֶבִּי יוֹחָנָן גָאלַאנְט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מַשְׁגִיחַ אוֹיף דֶעם עֵירוּב אַרוּם דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ נִישְׁטִיגֶע גֶעהַאלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה: **דָאס אַלֵיין אַז אִיךְ קוּם נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּעטְן, דָאס אִיז שׁוֹין דִי יְשׁוּעָה!** אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא קֵיין עֶסְן אִין שְׁטוּבּ; אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַנְדֶערֶע נִסִים.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד, אַז בִּשְׁעַת דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן צְוִוישְׁן דִי 'פַּארְטִיזַאנֶער', הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְטְן אִין וַואלְד מוֹרָא'דִיג מְיוּאָשׁ, שְׁטֶעלְט אַייך פָאר אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אַלֵיין אִין וַואלְד טָאג נָאךְ טָאג, בִּשְׁעַת עֶר וֵוייסְט אַז דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אָדֶער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ זֵיי לֶעבְן צוּ נִישְׁט, דִי מַחְשָׁבָה צוּמִישְׁט מוֹרָא'דִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ עֶסְן, מֶען רַייסְט גְרָאז אוּן בְּלֶעטֶער צוּ עֶסְן כְּדֵי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בַּיים לֶעבְן, דֶערְפַאר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעטְרַאכְט: עֶס אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי רְשָׁעִים וִוי אֵיידֶער צוּ זַיין דָא אַלֵיין אוּן עֶלֶענְד.

פַארְצֵיילְט עֶר מִיר וַוייטֶער: עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס עֶר הָאט אוּנְז מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה גֶעוֶוען, עֶר הָאט אוּנְז פָּשׁוּט אָפְּגֶעראַטֶעוֶועט דִי לֶעבְּן, אוּן נָאר אַדַאנְק אִים הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן! בַּיי אִים אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע וַואלְד אַ גַן-עֵדֶן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אִין אוּנְז, בִּיז מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִין דִי גַאנְצֶע וַואלְד זֶעהְט מֶען נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער... וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין!

אָבֶּער אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק (בְּרָכוֹת ל"ב ע"ב), וַוייל אַסַאךְ מָאל בֶּעט אַ מֶענְטְשׁ אוּן נִישְׁט נָאר עֶר זֶעהְט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, נָאר עֶס וֶוערְט נָאךְ עֶרְגֶער אוֹיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעוַואלְדִיגֶע 'הִתְחַזְקוּת' אוֹיף 'תְּפִלָּה', אוּן זַיין מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערְסִירְן, אוּן גָארְנִישְׁט זָאל אִים קֶענֶען אָפְּרַייסְן פוּן תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ אַנְדֶערֶע מֹחַ, אוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט 'יִשּׁוּב הַדַעַת'.

אַזוֹי אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען 'תּוֹרָה' דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ 'זְכוּת' אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִין זַיינֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן צוּ הַאנְדְלְן מִיט טַאבַּאק אָן רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג וְכוּ' [אַזוֹי וִוי הַיינְט דְרָאגְס], אָךְ אוּן וֵויי אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אֵיינֶעם אַז עֶר הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט שְׁוַוארְץ.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב גֶעזָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזֶעץ מִיט דִי שְׁטְרֶענְגְסְטֶע שְׁטְרָאפְן אוֹיף וֶוער עֶס הַאנְדֶעלְט מִיט טַאבַּאק, דָאךְ אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס טְרֶעפְט מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט וִוי מֶען הַאנְדֶעלְט דֶערְמִיט, אוּן אֲפִילוּ דִי שׁוֹמְרִים אוּן פָּאלִיצֵיי וָואס זֵיי דַארְפְן הִיטְן אוּן פַארְסִירֶען אוֹיפְן גֶעזֶעץ, זֵיי אַלֵיין הַאנְדְלֶען מִיט דֶעם, אָבֶּער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאסְט גֶעזָאגְט בַּיי 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה' וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר דְרֵיי אוּן אַהַאלְבּ טוֹיזֶענְט יָאר צוּרִיק, מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קֵיין 'חָמֵץ' אִין פֶּסַח, גֵיי זוּךְ בַּיי אֵיין אִיד אֲפִילוּ אַ 'מַשֶׁהוּ חָמֵץ', כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין פָּאלִיצֵיי אָדֶער אֵיינֶער וָואס גֶעט אַכְטוּנְג דֶערוֹיף.

(קונטרס "דער אוצר איז ביי דיר")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 19

**פארזעצונג פון פריער:**

דֶערְוַוייל אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ אִין חֵיפָה, און דִי גְדוֹלִים און צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּי'ן אִים צוּ בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ פָארְן צוּ זֵיי, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, און אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין חֵיפָה.

...

יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין חֵיפָה, מִיט דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פוּן טְבֶרְיָה.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל אִים גֵיין קוֹיפְן אֶתְרוֹגִים. און עֶר אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען צוּם אָרְטִיגְן חָכָם און אִים גֶעגֶעבְּן צְוָואנְצִיג פַּארִיס, און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַן אַרַאבִּישְׁן פֶעלְד, און גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דָארְט דְרֵיי הֶערְלִיכֶע אֶתְרוֹגִים מְֻבחָרִים.

אִין דִי צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויילְט אִין חֵיפָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן רֶבִּי'ן און גֶערֶעדְט צוּ אִים אַסַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס יֶענֶער רֶעדְט. דָאס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה, בַּייטָאג און בַּיינַאכְט, דֶער אַרַאבֶּער אִיז כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען און גֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

אֵיין מָאל אִיז דֶער אַרַאבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען מִיט גֶעוֶוער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כַּעַס, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ שְׁרַייעֶן און פַארְפִירְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶס אִיז אָבֶער גֶעוֶוען דָארְט אַ פְרוֹי פוּן וָואלִיחֵיי וָואס הָאט יָא פַארְשְׁטַאנֶען, און גְלַייךְ וֶוען דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיר זָאלְט לְמַעַן הַשֵּׁם שׁוֹין אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם הוֹיז, וַוייל דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל דֶער רֶבִּי זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ מִלְחָמָה מִיט אִים".

דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אַנְטְלָאפְן צוּם הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע וָואס אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין חֵיפָה, און עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַן הוּנְטֶערְשְׁטְן צִימֶער.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער אַרַאבֶּער נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי'ן און גֶעזָאגְט, "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ? עֶר דַארְף וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אֵייזְלֶען און אוֹיךְ מַיין פֶערְד, אַז עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין מִיט דִי שַׁיָּרָה קַיין טְבֶרְיָה, פוּן יֶעצְט דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר", און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, און דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען און הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט, עֶר אִיז נָאר גֶעזֶעסְן שְׁטִיל און גֶעלַאכְט דִי גַאנְצֶע צַייט, און דֶערְנָאךְ הָאבּ דֶער אַרַאבֶּער זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אַרַאבֶּער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע און פַארְהוֹילְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט מֶער יִסוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן דֶעם אַרַאבֶּער, וִוי פוּן זַיין פַיינְטְשַׁאפְט און כַּעַס.

לוֹיט וִוי מְ'הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן דֶעם אַרַאבֶּער, **דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמַךְ-מֶם אַלֵיין** וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט, און בָּרוּךְ ה' אַז עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אִים בְּשָׁלוֹם בְּחַסְדֵי ה'.

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין חֵיפָה.

פְרַייטָאג - י"ח תִּשְׁרֵי, דֶער צְוֵוייטֶער טָאג חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת, אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוֹיפְ'ן הַר הַכַּרְמֶל, און דֶער רֶבִּי אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי.

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מְ'הָאט גֶעטַאנְצְן און גֶעזִינְגֶען, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה און מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.

דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, און אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יֶעצְט, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּנֶעם מְעָרַת אֵלִיָהוּ וָואס עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְן וִוי אָט דָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא און הָאט גֶעהַאט הִתְבּוֹדְדוּת".**




282 • DESIGN | 845.406.4250



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## חמשה עשר בשבט תשפ"ב

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן א חמשה עשר סעודה ביים ראש ישיבה. אויף יעדע פרוכט האט דער ראש ישיבה געזאגט זייער שיינע זאכן, און ארומגעשמועסט שיינע חיזוק.

מען האט אנגעפאנגען מיט די טייטלען. דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר יעדעם א טייטל, און זיך אנגערופן: "דער רבי זאגט אין ספר המדות (עצבות אות ל"ה) תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה, טייטלען איז מבטל דאגות.

דער ראש ישיבה האט ערקלערט פאר די קינדער אז א טייטלבוים האט נאר איין הארץ, איין שטאם ארויף ביז אויבן, אזוי זענען אידישע קינדער - מען גלייבט מיטן גאנצן הארץ 'נאר' אינעם אייבערשטן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט טרויבן פאר אלע קינדער, און זיי געפרעגט: "ווער ווייסט וואו ס'וואקסט ארויס אלע גוטע פרוכט"? האבן זיי געענטפערט אז עס וואקסט אויף א בוים.

האט דער ראש ישיבה זייער שיין מסביר געווען אז אז א צדיק ווערט אנגערופן 'עץ', דער צדיק איז א בוים, און ווען א מענטש לעבט מיט א צדיק באקומט ער אלע גוטע זאכן.

ווען מען האט געגעסן די זיתים (איילבירטן) האט דער ראש ישיבה מסביר געווען פאר די קינדער אז אויב מען נעמט די איילבירטן און מען צוקוועטשט עס, קומט ארויס פון דעם טייערע שיינע אויל. די זעלבע זאך איז מיט א איד, ווען ער ווערט צוקוועטשט און ער גייט אריבער שוועריקייטן, דעמאלטס הייבט ער אן צו רעדן צום אייבערשטן, עס קומט ארויס זיין שיינקייט.

איינע פון די קינדער האבן זיך אנגערופן "כ'האב עס נישט ליב", האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ליב האט מען דעם אייבערשטן"!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו טיילן מילגרוים, און אלע קינדער האבן געשריגן, איך דארף! איך דארף! האט דער ראש ישיבה שטרענג געזאגט: דרך ארץ! מען שרייט נישט אזוי 'איך דארף', מען דארף בעטן שיין, זעצט ענק שיין אראפ און יעדער וועט באקומען.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: וואס איז די גאנצע זאך פון חמשה עשר בשבט? עס גייט אריין א נאסקייט אין דיביימער, און די ביימער באניייען זיך, און ניסן וואקסט ארויס די בלעטלעך. אויב אזוי, אזוי ווי די יאר איז א עיבור יאר וואלט ווען געדארפט זיין חמשה עשר א חודש שפעטער, ווייל עס פאנגט זיך אן אלעס שפעטער? האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט מיט א שמייכל, מוז זיין אז מען קען זיך באניייען אפילו ס'שטימט נישט, און אפילו א מענטש האט נישט מיט וואס זיך צו שטארקן זאל ער זיך נאך אלץ אויפרישן און זיך מחזק זיין...

ביים עסן די אתרוג האט דער ראש ישיבה געפרעגט: ווער ווייסט וואס מען בעט דעם אייבערשטן ווען מען עסט די אתרוג? מען בעט דעם אייבערשטן **א'ל ת'ב'יאינו ר'גל ג'אווה**, דאס איז די ראשי תיבות פון אתרוג.

און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער: "קומטס בעטן צוזאמען דעם אייבערשטן פאר א שיינע אתרוג". דער ראש ישיבה האט געבעטן און אלע קינדער האבן נאכגעזאגט: "הייליגע באשעפער העלף אז אונז זאלן האבן א שיינע אתרוג".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל אראפשיקן פון די אתרוג פאר די פרויען, ווייל די גמרא זאגט (כתובות סא.) דאכלה אתרוגא, הוו לה בני ריחני, אז מען עסט אתרוג האט מען שיינע קינדער.

אינמיטן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: קינדער וואס איז די שיינקייט פון די גאנצע פרוכט שיסל? שטעלטס ענק פאר אלע פרוכטן זענען אויס די זעלבע, וואלט עס ווען געווען אזוי שיין? די שיינקייט איז אז איינס איז גרין, איינס איז רויט, און איינס איז געל, און אזוי ווייטער, און פון אלע פרוכט צוזאמען קומט ארויס א הערליכע פרוכט שיסל.

די זעלבע זאך איז מיט אונז, מען קען נישט מקנא זיין

<<<<

א צווייטן, מען קען נישט קוקן אויף א צווייטן, דאס איז די שיינקייט פון די וועלט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געוויזן היינט פאר איינע פון די קינדער, קוק, אויפן גאס איז דא קאלטע טרוקענע ביימער, אבער באלד גייט ארויסקומען שיינע בלעטעלעך פון דעם. אזוי איז א מענטש, אפילו ער איז טרוקן, אפילו ער איז קאלט, קען ער אבער אנפאנגען נאכאמאל פונדאסניי.

ווען דער ראש ישיבה האט געגעסן ניסלעך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אידן זענען צוגעגליכן צו ניסלעך, פארוואס? ווייל א ניסל אפילו ס'פאלט אריין אין בלאטע, ווערט עס נישט שמוציג, עס האט זייער א הארטע שאלאכטס. אזוי זענען אידן, אפילו מען איז שמוציג געווארן, אבער אז מ'טוט תשובה ווערט מען צוריק זויבער.

ווען מען האט געגעסן עפל האט דער ראש ישיבה פארציילט: איינמאל האט א צדיק געקוקט אויף א עפל און ער האט אוועקגע'חלש'ט, ווייל ער האט אנגעפאנגען אריינצוטראכטן וואס דער אייבערשטער האט דא באשאפן, מען לייגט אריין א קערל אין די ערד, און פון דעם וואקסט ארויס א בוים פון עפלעך, און נאכן דאס אריינטראכטן האט ער גע'חלש'ט. האט דער ראש ישיבה געזאגט: אז סתם אזוי כאפט מען זיך דאס נישט, נאר ווען מען טראכט אריין אין די נפלאות הבורא וואס דער אייבערשטער האט געמאכט דעמאלט כאפט מען די וואונדער פון די בריאה.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "פארוואס זענען אידן צוגעגליכן צו א עפל? ווייל א עפל בוים געבט קודם ארויס די בלעטלעך און נאכדעם די עפל. אזוי אויך די אידן האבן קודם געזאגט **נעשה** און נאכדעם **נשמע**".

איינער ביים טיש האט זיך אנגערופן: היינט איז זייער קאלט אינדרויסן, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז נישט אזוי קאלט, נאר אז מען הערט די נייעס שפירט מען אז ס'איז קאלט.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די קינדער: "ווער דארף עפריקאט"? האט זיך יוסף נ"י אנגערופן: "איך דארף די אייבערשטער"!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען, 'אילן במה אברכך'. אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה'ס מאמע אריינגעקלונגען און דער ראש ישיבה האט איר פארציילט מיט א שמחה, אז יעדע מאל איך פרעג ווער דארף דאס, און ווער דארף יענץ, זאגט יוסף נ"י איך דארף די אייבערשטער!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געטיילט פרוכט קענדיס פאר די קינדער, און געפרעגט יעדע קינד וועלכע פרוכט קענדי ער דארף, איינער א באנאנע און איינער א פלוים, איינע פון די קינדער האבן געזאגט אז ער דארף א קענדי וואס זעט אויס ווי א סאברע.

האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער וויל הערן די מעשה פון די סאברעס. און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו פארציילן, אבער די קינדער האבן אריינגערעדט ווען דער ראש ישיבה האט גערעדט, האט דער ראש ישיבה זיך אפגעשטעלט און געזאגט 'קיינער הערט מיך נישט אויס'. האבן זיי אנגעפאנגען צו זאגן מיר הערן יא אויס! האט דער ראש ישיבה ווייטער פארציילט.

איינמאל איז געווען א איד אין ירושלים וואס ער האט געהערט ווי איינער שרייט, סאבבעס - קודם האט ער געמיינט אז ער הערט שוין עפעס א בת קול אז ס'קומט שבת. ער האט זיך זייער געפרייט, ער האט געטראכט ער וועט גיין קוקן ווער ס'שרייט. ער גייט און ער גייט נענטער און נענטער, אינמיטן זעט ער ווי א אראבער מיט א שמאטע אויפן קאפ מיט א גארטל פארקויפט סאברעס און ער שרייט סאברעס... און ער האט געמיינט אז מען שרייט שבת. זעט מען פון דעם אז וואס א מענטש טראכט, דאס הערט ער, א מענטש טראכט שבת הערט ער שבת.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט פאפקארן לכבוד די סיום פון הערשי נ"י, און דער ראש ישיבה האט געזאגט יעדער זאל אים וואונטשן מזל טוב. און דער ראש ישיבה האט גענומען א פאפקארן קערל און מסביר געווען פאר די קינדער אז מען לייגט אריין די קערל אין א טאפ און ס'ווערט הייס, ווערט פון דעם פאפקארן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער: "חמשה עשר דארף מען אויך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן גוטע מצות", און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אפשר דאס יאר וועט ער שוין עסן ברסלב מצות פון די מצה בעקעריי אין שטעטל".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער האט א שיינע מעשה פון תפילה צו פארציילן"? די קינדער האבן פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך וויל זיין א ערליכער איד".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט: "איך בין אריינגעפאלן יעצט אין אזעלכע חובות איך האב נישט קיין כח". און יעדער ביים טיש איז געווארן זייער דערשראקן אז דער ראש ישיבה האט פרישע חובות,

וועלכע חובות האט איינער געפרעגט? חובות פון דאנקען דעם אייבערשטן האט דער ראש ישיבה געענטפערט מיט א שמייכל! איך בין שולדיג פארן אייבערשטן אסאך ש'כח'ס. און דער ראש ישיבה האט געפרעגט: ווער וויל מיך העלפן באצאלן און דאנקן דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער און געזאגט: קום זינגען צוזאמען, "ש'כח ש'כח אייבערשטער, אז דו האסט אונז געגעבן אזא שיינע משפחה". נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען, "ש'כח ש'כח אייבערשטער, אז דו האסט אונז געגעבן אזעלכע לעכטיגע קינדער, איידימער, שנורן". ש'כח ש'כח אייבערשטער!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען "משכנו אחריך טאטע טאטע צו מיך צו דיך, איך וועל צו דיך לויפן אויף אלע פיר, אין דיינע צימערן א אפענע טיר, מיר וועלן זיך פרייען אן א שיעור".

איינער האט זיך אנגערופן אז ס'איז דא נאך א ניגון אויף די ווערטער, און די אידישע ווערטער זענען "טאטע, טאטע נאך אזעלכע קלעפ, הייליגע באשעפער געב אונז שוין א שלעפ". האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט אמאל געהערט דעם ניגון, אבער מען טאר נישט אזוי רעדן צום אייבערשטן, דער אייבערשטער געבט אונז קלעפ? איך בין זייער סענסיטיוו צו די זאכן, איך קען נישט הערן ווי מענטשן זאגן: "פארוואס שלאגט מיך דער אייבערשטער"? מען דארף רעדן איידל צום אייבערשטן.

און דער ראש ישיבה האט מיך געזאגט: "דאס זאלסטו זען צו אפשרייבן, מען רעדט נישט אזוי צום אייבערשטן".

איינער פון די קינדער האבן געהאלטן די בעיבי און זיך געשפילט מיט אים, ביז ער האט געזען אז ער שמעקט האט ער אים צוריקגעגעבן פאר די מאמע. האט די ראש ישיבה זיך אנגערופן: האסט געזען וואס עס האט דא פאסירט? ער האט זיך געשפילט מיט יחזקאל ביז ער האט געזען אז ער שמעקט האט ער אים געגעבן א ווארף "מאמי איך דארף אים שוין נישט". דער רבי זאגט אז די זעלבע זאך איז רעדן צום אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן איז אזוי ווי די מאמע, אפילו א מענטש שמעקט, קיינער וויל נישט רעדן צו אים, אז ער וועט רעדן צום אייבערשטן וועט דאס אים אפוואשן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א ווערטל: איינער האט אמאל געזאגט פאר זיין ווייב: וואס דארף מען זיך קריגן, לאמיר אפמאכן ווער עס וועט טון וואס, אזוי וועלן מיר זיך נישט דארפן קריגן, די שווערע זאכן וועל איך טון, און די גרינגע זאכן וועסטו טון.

די שווערע זאכן צו מ'זאל אריינגיין אין מלחמה מיט רוסלאנד צו נישט, צו ס'גייט פאלן די ווערד פון געלט, און אויב מען זאל מאכן די אמעריקאנע אמבאסאדע אין ירושלים אדער נישט, דאס וועל איך אפמאכן, אבער די קליינע זאכן, אזוי ווי צאמנעמען די הויז, טוישן די קינדער, באדן, און קאכן, דאס לאז איך פאר דיך...

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט: איינער איז אמאל געקומען צו הרב הקדוש מסאטמאר זי"ע און פארציילט אז ער איז מקפיד צו עסן נאר היימיש, זיין ווייב מאכט אים היימישע חלות און היימישע פערפל, אלעס נאר היימיש. האט אים דער רבי געפרעגט: און וואס טוסטו מיט קידוש? אה גרעי"פ דשו"ס נוץ איך יא געקויפטע. און וואסערע אויל נוצטו? אויל קויף איך אויך. האט דער רבי אנגעפאנגען צו שרייען אויף אים: די זאכן וואס ליגט אויף דיך צו מאכן היימיש, דאס קויפסטו, און נאר ווען ס'קומט צו איר דארט ביסטו מקפיד?

נאכדעם האט מען ווייטער געשמועסט, און אינמיטן האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה האט זיך שטילערהייט אונטערגעזינגען "אוי טאטע, אוי פאטער, איך וויל זיין א ערליכע איד".

איינע פון די קינדער האבן זיך געשפילט ביים טיש מיט זיין טוי קארעלע און דער ראש ישיבה האט אים פארציילט: איינמאל האט איינער בטעות צוטראטן אזא קארעלע פון א קליינע אינגל, און יענע אינגל האט זייער שטארק געוויינט, האט אים זיין טאטע געפרעגט: פארוואס וויינסטו? האט ער געזאגט: ווייל יענער האט צוטראטן מיין קארעלע, האט די טאטע אים געזאגט: פאר אזעלכע שטותים וויינסטו? ס'קאסט נאר א דאלער! פארדעם וויינסטו? און זיין ראש ישיבה איז דארט געווען, האט ער אים געפרעגט: און פארוואס וויינסטו ווען דיין גרויסע קאר צוברעכט זיך? ס'איז אויך א קארעלע. ביי די אינגל איז עס זיין קארעלע, און ביי די טאטע איז עס זיין קארעלע.

יעדער מענטש אין זיין מח האט זיך זיין קארעלע, דאס הייסט אז יעדע מענטש האט זיך זיינע זאכן וואס ער האלט ס'איז זייער וויכטיג און מען קען נישט חוזק מאכן פון א צווייטן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר יעדן ביים טיש: א גוטע נאכט, א גוטע נאכט!

שכח אייבערשטן פארן מיר געבן די זכיה מיטצוהאלטן אזא שיינע חמשה עשר בשבט סעודה מיט'ן ראש ישיבה.

# בילדער
## אפטיילונג





יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע געפראוועט אין היכל הקודש ירושלים עיר הקודש


א חשובער אינגערמאן מסיים גאנץ ש״ס ביים יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע אין ירושלים עיר הקודש


א חשובער בחור פון ירושלים עיר הקודש מסיים מסכתא ביים יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע אין ירושלים עיר הקודש


יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע געפראוועט אין היכל הקודש בני ברק


א חשובער בחור - תלמוד עצתו אמונה, מסיים מסכתא ביים יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע אין בני ברק


דער גבאי ר׳ אבא חייה רייזמאן הי״ו רעדט ביים יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע אין בני ברק



# בילדער
## אפטיילונג



ברית פון הילד אליעזר שלמה נ״י בן ר׳ שמעון איינהארן הי״ו אין טאג פון מוהרא״ש׳ס יארצייט - י״ז שבט - מיטוואך יתרו



סעודת ברית פון הילד אליעזר שלמה נ״י בן ר׳ שמעון איינהארן הי״ו אין טאג פון מוהרא״ש׳ס יארצייט - י״ז שבט - מיטוואך יתרו



בית המדרש היכל הקודש צפת געעפענט בשעה טובה




בריוו וואס מוהרא״ש זי״ע האט געשריבן אינעם טאג פונעם פטירה, הענגט ביים אריינגאנג פון ביהמ״ד היכל הקודש צפת





יארצייט סעודה פון מוהרא״ש זי״ע געפראוועט אין היכל הקודש מאנטשעסטער
רעכטס: דער ציבור ביים סעודה. לינקס: ר׳ נחמן שטרול הי״ו ביים פארלערנען פונעם קונטרס עצתו אמונה

# בילדער
## אפטיילונג







בייס ציון פון מוהרא״ש זי״ע אין יבנאל בייס טאג פונעם יארצייט - י״ז שבט - מיטוואך פרשת יתרו



הערליכע נייע פרוכת לעילו נשמת מוהרא״ש זי״ע ארויפגעלייגט
אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק



גאר עלעגאנטער נר תמיד ארויפגעלייגט אין היכל הקודש
ירושלים, מנדב געווארן דורך איינע פון די מתפללי בית המדרש



צוויי קינדער פון אמעריקא וואס ווילן די טעג אין ירושלים,
זענען געקומען לערנען אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים.





כיתה ט׳ פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב בייס זיך
שפילן מיט די שניי אין פארנט פונעם בנין התלמוד תורה.




# בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז צוּ גֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר פְלֶעגְט גֵיין אַלֵיינְס צוּם קֵבֶר פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין אַ צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַייז קַאלְט אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֵייט אִין מִקְוֶה. וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט נַאסֶע פֵּיאוֹת הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין הָאר, עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמ'עֶן אַז דֶער קְלֵיינֶער אִינְגְל נַחְמָן גֵייט אִין אַ אַייז קַאלְטֶע מִקְוֶה אִינְמִיטְן ווִינְטֶער.



"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק"

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים צִיוּן פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַז מִיר וֶועלְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

לָאמִיר יֶעצְט זִינְגֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם:
"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת".

# טרעף
## די פאלגנדע ווארט

הייליגער באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד טאטע טאטע הייליגער
באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד טאטע זיסער הייליגער
באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד טאטע הייליגער באשעפער
איך וויל זיין אן ערליכער איד טאטע זיסער איך וויל זיין א צדיק איך וויל
זיין א צדיק איך וויל זיין דבוק צו דיר בתכלית השלמות איך וויל זיין א
צדיק איך וויל זיין א צדיק איך וויל זיין דבוק צו דיר בתכלית השלמות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | ש | ד | ב | ו | ק | פ | א | ו | ו | י | ל | ת | ו | ד | מ | ד | ז | ד | א | נ | ל | ש | ד | ב | א |
| ו | א | ר | ל | י | ו | ו | י | נ | י | י | ז | ו | ג | ו | ב | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | ע | י |
| ו | ה | ט | ד | ר | ק | י | ר | ע | ג | כ | ג | מ | ב | א | י | א | ג | א | ו | י | כ | ש | מ | ד | כ |
| א | א | צ | ע | י | ר | ת | ל | ט | י | צ | ד | ל | ב | ת | ר | ל | ש | ו | ר | ז | ה | ק | נ | י | י |
| א | ר | ס | ד | ש | ע | ב | ל | א | א | ד | י | ש | נ | ע | כ | פ | צ | ע | ר | ל | י | כ | ע | ר | ה |
| נ | י | צ | י | ב | ג | ת | י | ט | י | י | א | ה | כ | ה | ג | ל | ג | ו | פ | צ | נ | ר | ט | ו | ח |
| ז | ז | ד | כ | ד | י | כ | ו | ד | כ | ק | ד | י | א | י | נ | י | י | ז | ו | ע | ב | צ | א | ז | צ |
| ט | ז | י | ב | ג | ל | ל | ו | כ | י | ז | ל | א | ז | ב | ל | נ | ק | ת | ל | ד | ר | ד | ט | י | כ |
| ע | א | ו | י | כ | י | י | א | י | כ | ר | י | ז | י | י | נ | ר | י | י | ד | ו | ו | י | ל | ס | י |
| ג | ק | ט | פ | נ | י | ת | ע | נ | ע | כ | ר | י | י | כ | ד | ח | ו | י | צ | א | נ | ק | ד | ע | א |
| ל | נ | מ | ע | ק | ה | א | ש | א | נ | א | ק | ה | נ | נ | א | ו | ח | ל | ז | ז | י | י | נ | ר | ז |








**העלף נחמן נתן אנקומען צו לערנען די הייליגע ספר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה!**



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**י. עָשִׁיר מְכַחֵשׁ אֵין הַדַּעַת סוֹבְלוֹ, וְהוּא נִבְזֶה בְּעֵינֵי עַצְמוֹ.**

**טייטש.** דֶער שֵׂכֶל קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַן עוֹשֶׁר וָואס זָאגְט לִיגְנְט, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז פַארְשֶׁעמְט בַּיי זִיךְ.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | 5 | | | |
| 2 | | | | | 6 |
| | 1 | | | | |
| | | 4 | | | |
| | | | | | 5 |
| | 3 | | | 1 | 4 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 5 | 8 | | | | 4 | 1 | |
| | | | 5 | | 8 | | | |
| | 3 | 2 | 1 | 7 | 4 | 5 | 6 | |
| 3 | 8 | | | 2 | | | 4 | 6 |
| | 6 | 7 | | 8 | | 2 | 3 | |
| 4 | | | 7 | | 6 | | | 1 |
| 2 | 7 | | | 1 | | | 8 | 5 |
| 8 | | | | 5 | | | | 4 |
| | | 6 | | | | 3 | | |



# חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**א גוט קאפיטל תהילים איז אזוי ווי א**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. גוטע עסן
ב. א פיינע מקוה
ג. א פאנטש
ד.גוטע שלאף

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: טוהן עבירות ברענגט אויפן מענטש

**ענטפער:** כפירות

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**געוואונער אליעזר שלמה בלום נ"י - בית שמש**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה
# פרשת יתרו?

## פון ראכטס צו לינקס.

2. עס איז נישט קיין ביטול תורה צו גיין צו א _____ פון א צדיק
7. _____ נישט מיט קיינעם
8. קינדער, ווי מער מען לערנט מיט זיי, אלץ מער קענען זיי _____
9. _____ זיך נישט מיט די מוסד
10. די תלמוד תורה זאל _____, נישט זיין א פארשלאפענע פלאץ
12. איסווארטן, בעטן דעם אייבערשטן, הערן עצות פון צדיקים, ווערט די לעבן _____ יעדן טאג
16. וועגן אביסל _____ זאלסטו פארלירן די וועלט און יענע וועלט?
17. פאר מען גייט מאכן די אפעראציע, זאלט איר געבן א פדיון נפש און בעטן דעם _____
19. נאכן אוועקגיין פון די וועלט זעט מען דאס גרויסקייט פון _____
23. רבי נתן האט געזאגט ער וואלט געשריבן שרייבן אויף _____ _____ נאך א גאנצע לקוטי הלכות
25. _____ איז די געווער פון אונז אידישע קינדער
26. אז דו וועסט זיך _____, וועסטו בקרוב טרעפן א גוטע שידוך

## פון אויבן אראפ.

1. דו האסט א ווייב גענענדל, דו קומסט אלעס אפ _____
3. רבונו של עולם,העלף מיר איך זאל נישט רעדן _____
4. _____ איז נישט געמאכט פאר אונזערע דורות
5. דער וועלט איז פול מיט ליכט, דער קליינער _____ פארשטעלט אלעס
6. יעצט זוכט מען א גמ"ח פון _____
11. אפילו א פשוט'ער _____ רויבט אוועק צייט, מח און מחשבה
13. מענטשן זענען ווייט פון אייבערשטן, ווייל מען האט נישט קיין _____ _____
14. זוך אויף _____ אין דיינע שווערע טעג
15. רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זיין _____
18. די שמחה איז זייער גרויס אז מען האט געעפנט א חדר אין _____
20. ווער עס איז עוסק אין _____, פאררעכט אלע זיינע זינד
21. איין עצה איז דא אויסצוארבעטן די שלעכטע מידות _____
22. אשר בן יעקב געבט _____ _____ פאר ווער עס האט געלערנט משניות
24. זיין א _____ איז פון די חשוב'סטע זאכן



# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער




